Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

# הײנט 8 זײטען

NAJER FOLKSBLAT

פרײז 15 גראשען

# נײער פאלקסבלאט

| № 93 | Łódź, Czwartek, 23 kwietnia 1931 r. | נײנטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, ז׳ איר תרצ״א | № 93 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# די אפאזיציע בעראט זיך

## וועגען דער טאקטיק אויף דער הײנטיגער סײם־זיצונג

ווארשא, 22. (טעלעפאניש פון אונזער קא־רעספאנדענט) ווי בעקאנט קומט פאר א זיצונג פון סײם, אויף וועלכער ס׳וועט בעטראכט ווערען דער פארשלאג וועגען דער פראנצױזישער הלוואה צו קױפען די באהן־ליניע שלעזיען—גדיניע.

וועגען דעם, ווי אזוי די אפאזיציע וועט האנדלען בעת דער סעסיע געהען ארום פערשי־דענע קלאנגען. אײנער פון זײ איז, אז די אפא־זיציע וועט איגנאנצען באיקאטירען די סעסיע און נישט קומען צו די זיצונגען, דאס איז אבער נישט פעסטגעשטעלט.

די זיצונג פון סענאט, וועלכע האט געזאלט פארקומען שבת איז אפגעלעגט אויף מאנטאג. די סעסיע וועט אלזא לענגער דויערען. מ׳זעהט דערין א סימן, אז שבת אדער זונטאג זאלען פארקומען וויכטיגע געשעהענישען אין הינזיכט פון דער קא־בינעט־רעקאנסטרוקציע אדער דימיסיע פון דער רעגירונג.

הײנט איז פארגעקומען א בעראטונג פון פארשטעהער פון דער גאנצער אפאזיציע וועגען דער טאקטיק אויף דער סעסיע פון די ענדעקעס איז געוועזען דער פראפ. ריבארסקי, פון פ.פ.ס. דעפ. ניעדזשאלקאווסקי און פון די פויערים־גרופען דעפ. דאמבסקי.

מ׳זעהט פאר, אז די זיצונג פון סײם וועט זײן א שטורמישע, די אפאזיציע וועט נישט נאר אטאקירען די הלוואה, נאר אויך דעם דעקרעט פון מלוכה־פרעזידענט, וועלכער איז לויט זײער מײנונג נישט געוועזען קאנסטיטוציאנעל.

אין אוועגד איז פארגעקומען א קאנפערענץ צווישען מלוכה־פרעזידענט און פרעמיער סלאוועק. וואס דארט איז ארומגערעדט געווארען איז נישט בעקאנט.

### פולק. מיזעס אויס אויבער־ראבינער

ווארשא, 22 (טעלעפאניש) דער אויבער־ראבינער פולקאווניק מיזעס איז אפגערופען געווא־רען פון זײן אמט אלס מיליטערישער אויבער־רא־בינער און איבערגעשיקט געווארען אלס ראבינער פון ד. א. ק. בריסק. אלס אויבער־ראבינער אין מיליטער ווערט בעשטימט דער בריסקער ראבינער ד״ר חיים פרענקעל.

ווי מען שמועסט וועט פולק. מיזעס בעטען מען זאל איהם איבערפיהרען אויף עמעריטור.


## בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז די לאנג־עקזיסטירענדע פירמע

## מ. גערטנער

פראנציסקאנער 14 (רוג שװ. יאקובא)

פיהרט אויס אלע צורט ארבײט פון

# מצבות

זאמד־שטײנער, מארמאר און גראניט־שטײנער ביז 30 פראצ. ביליגער ווי איבעראל.

אנ׳אויסצוג פון ענצעלנע פרײזען מאך איך בעקאנט



| | | |
|---|---|---|
| 10/4 | מיט א גאנצע מויער | 60 זל. |
| 11/4 | " " | 65 " |
| 12/4 | " " | 75 " |
| 12/4 | " " | 90 " |
| 14/4 | " " | 150 " |

די ארבײט ווערט פינקטליך און רעיעל אויסגעפירט.


נאך קורצע און שווערע לײדען איז מיטוואך, דעם 22 טען אפריל געשטארבען אין עלטער פון 74 יאהר אין בערעזא־קארטוסקא און דארט צו קבורה געבראכט געווארן אונזער טײערע ליבע מוטער, שוויגער־מוטער, גרויסמוטער, שוועסטער און שוועגערין

ב. ע.

# שײנדיל רחל געלאסען

(פון דערהײם זשעפניק)

וועגען וואס עס טײלט מיט די אין טיפען טרויער

## פערבליבענע פאמיליע.

2447

Panu **A. Gelassenowi**

z powodu zgonu JEGO

# MATKI B. P.

składają wyrazy szczerego współczucia

## Kazimierscy.

2445 .

מיר דריקען אויס אונזער טיפען מיטגעפיהל און בײלײד אונזער חשוב׳ן סטארשי

## ה׳ אברהם געלאסען,

צוליב׳ן טויט פון זײן אומפערגעסליכער מוטער

# שײנדיל רחל נ״ע

אין די ארבײט פאר׳ן יודישען האנדווערקער זאל ער זײן טרײסט געפונען.

## די פערוואלטונג פון שנײדער־צעך

פאר דער שטאט לאדז
אין לאדז, פיעטריקאווער 20.


ס׳ווערט געזוכט צו קויפען

## א ראה־מאשין

צו טריקאטאזשע.

צו ערקונדיגען זיך בײ אלבערשטײן. נאװא־מיעסקא 29 פון 1 – 3 נאכמ. מעקלערס געוואונשען

### דאנקזאגונג.

איך דאנק זעהר דעם ה׳ דר. כירורג־ארמאפעד י. לובימש פאר זײן מיה צוזאמענצושטעלען מײ צובראכענע האנד אהן אפעראציע, אין דער צײט ווען אנדערע דאקטוירים האבען געהײסען אפערירען. איך דאנק אויך זעהר דעם ה׳ אנדזשעיעווסקי מאסאושיסט פון שפיטאל אויפ׳ן נאמען פון פרעזי־דענט מאשטשיצקי, וועלכער האט א דאנק זײנע פע־היגקײטען מיר געברענגט די האנד אין בעוועגונג.

ברוך ווייל, לאדז, קילינסקיעגא 42.

## מאשין־לעכער

ווערן אנגענומען אויסצונײען בײ ג. נארדמאן, שרודמיעסקא 8

## צו אלע קאפעלוש־מאכער־מײסטער און מאדיסטקעס!

מיר מעלדען אייך, אז אין דער נאהענטסטער צײט קומט פאר די

## אפיציעלע ערעפנונג

## פון קאפעלוש־מאכער־צעך

### אין לאדז

מיר פאדערן אייך אויף צו ווערען מיטגלידער אין צעך!

איינשרײבען קען מען זיך יעדען טאג פון האלב 9 ביז 10 אוועגד אין לאקאל פון צענטר. האנדוו.־פערבאנד פאלודניאווא 4, בײ ה׳ א. לאסקער

### די גרינדער

פון קאפעלוש־מאכער־צעך אין לאדז

### איבערצוגעבען

1 שטוב מיט א קיך געאײגנעט אויף א ווערק־שטעל. — צו ערפאהרען פיעטריקאווער 33 אין 2־טען הויף, פארטער.

Dr. Med. A. S. Tenenbaum

אינערליכע קראנקהײטען

## האט זיך איבערגעטראגען

אויף פיעטריקאווער 109

טעלעפאן 220-25

נעהמט אן פון 6 ביז 7½ נאכמיטאג.

# זאל „הזמיר" אל. קאשטשושקי 21

קומענדיגען שבת, דעם 25 אפריל, 8.30 אין אוועגד וועט די בעקאנטע יודישע שריפטשטעלערין

# רחל פײגענבערג

האלטען א רעפעראט א. ד. ט.:

## „די וועלט וויל מיר זאלען זײן יודען"

טעזען: 1) די אלטע און נײע אסימילאציע, 2) פאר־וואס האבען אלע פעלקער איצט ליב פרומע יודען? 3) די פרײנד פון יודענטום, 4) די יודישע יוגענד, 5) דאס יודישע פראבלעם אין סאוויעט־רוסלאנד, 6) א ביסעל אמת וועגען ארץ־ישראל.

בילעטען פון 50 גר. ביז 2 זל. שוין צו בעקומען אין אדמיניסטרא־ציע פון „נײעס פאלקסבלאט" און אין טאג פון דער פארלעזונג בײ דער קאסע פון „הזמיר".

